וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כֹּה תֹאמַר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אַתֶּם מפ'
רְאִיתֶם כִּי מִן־הַשָּׁמַיִם דִּבַּרְתִּי עִמָּכֶם׃ לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי כ
אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם׃ מִזְבַּח אֲדָמָה כא
תַּעֲשֶׂה־לִּי וְזָבַחְתָּ עָלָיו אֶת־עֹלֹתֶיךָ וְאֶת־שְׁלָמֶיךָ אֶת־
צֹאנְךָ וְאֶת־בְּקָרֶךָ בְּכָל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת־שְׁמִי
אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ׃ וְאִם־מִזְבַּח אֲבָנִים תַּעֲשֶׂה־לִּי כב
לֹא־תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית כִּי חַרְבְּךָ הֵנַפְתָּ עָלֶיהָ וַתְּחַלְלֶהָ׃
וְלֹא־תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל־מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא־תִגָּלֶה כג
עֶרְוָתְךָ עָלָיו׃ פ

19 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישראל: איר האָט געזען אַז פון הימל האָב איך גערעדט צו אײַך. 20 איר זאָלט ניט מאַכן לעבן מיר געטער פון זילבער, און געטער פון גאָלד זאָלט איר אײַך ניט מאַכן. 21 אַ מזבח פון ערד זאָלסטו מיר מאַכן, און שלאַכטן אויף אים דײַנע בראַנדאָפּפער און דײַנע פרידאָפּפער, דײַנע שאָף און דײַנע רינדער; אין יעטװעדער אָרט װוּ איך װעל מאַכן דערמאָנען מײַן נאָמען, װעל איך קומען צו דיר, און װעל דיך בענטשן. 22 און אויב אַ מזבח פון שטײנער װעסטו מיר מאַכן, זאָלסטו זײ ניט בויען געהאַקטע, װאָרום דײַן האַקאײַזן האָסטו אויפגעהויבן דערויף, און האָסט עס פאַרשװעכט. 23 און זאָלסט ניט אַרויפגײן מיט טרעפּ אויף מײַן מזבח, כּדי דײַן נאַקעטקײט זאָל ניט אַנטפּלעקט װערן אויף אים.

# מִשְׁפָּטִים

כא

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם׃ כִּי תִקְנֶה עֶבֶד א ב
עִבְרִי שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם׃ אִם־ ג
בְּגַפּוֹ יָבֹא בְּגַפּוֹ יֵצֵא אִם־בַּעַל אִשָּׁה הוּא וְיָצְאָה אִשְׁתּוֹ
עִמּוֹ׃ אִם־אֲדֹנָיו יִתֶּן־לוֹ אִשָּׁה וְיָלְדָה־לוֹ בָנִים אוֹ בָנוֹת ד
הָאִשָּׁה וִילָדֶיהָ תִּהְיֶה לַאדֹנֶיהָ וְהוּא יֵצֵא בְגַפּוֹ׃ וְאִם־ ה
אָמֹר יֹאמַר הָעֶבֶד אָהַבְתִּי אֶת־אֲדֹנִי אֶת־אִשְׁתִּי וְאֶת־בָּנָי
לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי׃ וְהִגִּישׁוֹ אֲדֹנָיו אֶל־הָאֱלֹהִים וְהִגִּישׁוֹ אֶל־ ו
הַדֶּלֶת אוֹ אֶל־הַמְּזוּזָה וְרָצַע אֲדֹנָיו אֶת־אָזְנוֹ בַּמַּרְצֵעַ
וַעֲבָדוֹ לְעֹלָם׃ ס וְכִי־יִמְכֹּר אִישׁ אֶת־בִּתּוֹ לְאָמָה ז
לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים׃ אִם־רָעָה בְּעֵינֵי אֲדֹנֶיהָ אֲשֶׁר־ ח
לֹא יְעָדָהּ וְהֶפְדָּהּ לְעַם נָכְרִי לֹא־יִמְשֹׁל לְמָכְרָהּ בְּבִגְדוֹ־
בָהּ׃ וְאִם־לִבְנוֹ יִיעָדֶנָּה כְּמִשְׁפַּט הַבָּנוֹת יַעֲשֶׂה־לָּהּ׃ אִם־ ט י
אַחֶרֶת יִקַּח־לוֹ שְׁאֵרָהּ כְּסוּתָהּ וְעֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע׃ וְאִם־ יא
שְׁלָשׁ־אֵלֶּה לֹא יַעֲשֶׂה לָהּ וְיָצְאָה חִנָּם אֵין כָּסֶף׃ ס
מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת׃ וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה וְהָאֱלֹהִים יב יג
אִנָּה לְיָדוֹ וְשַׂמְתִּי לְךָ מָקוֹם אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה׃ ס וְכִי־ יד

כא, ח' לו ק

כא 1 און דאָס זײַנען די געזעצן װאָס דו זאָלסט לײגן פאַר זײ:

2 אַז דו װעסט קויפן אַ ייִדישן קנעכט, זאָל ער זעקס יאָר דינען, און אויפן זיבעטן זאָל ער אַרויסגײן פרײ אומזיסט. 3 אויב ער איז אַלײן געקומען, זאָל ער אַלײן אַרויסגײן; אויב ער איז אַ באַװײַבטער, זאָל זײַן װײַב אַרויסגײן מיט אים. 4 אויב זײַן האַר װעט אים געבן אַ װײַב, און זי װעט אים געבערן זין אָדער טעכטער, זאָל די װײַב מיט אירע קינדער געהערן צו איר האַר, און ער זאָל אַרויסגײן אַלײן. 5 און אויב זאָגן װעט זאָגן דער קנעכט: איך האָב ליב מײַן האַר, מײַן װײַב, און מײַנע קינדער, איך װיל ניט אַרויסגײן פרײ; 6 זאָל זײַן האַר אים מאַכן גענענען צו גאָט, און אים מאַכן גענענען צום טיר, אָדער צום בײַשטידל, און זײַן האַר זאָל דורכאָלן זײַן אויער מיט אַן אָל; און ער זאָל אים דינען אויף שטענדיק.

7 און אַז אַ מאַן װעט פאַרקויפן זײַן טאָכטער פאַר אַ דינסט, זאָל זי ניט אַרויסגײן אַזוי װי עס גײען אַרויס די קנעכט. 8 אויב זי געפעלט ניט אין די אויגן פון איר האַר, װאָס האָט זי געהאַט באַשטימט פאַר זיך, זאָל ער זי לאָזן אויסלײזן; ער זאָל ניט געװעלטיקן זי צו פאַרקויפן צו פרעמדע מענטשן, װען ער פעלשט אָן איר. 9 און אויב ער װעט זי באַשטימען פאַר זײַן זון, זאָל ער טאָן צו איר אַזוי װי דער שטײגער מיט טעכטער. 10 אויב ער װעט זיך נעמען אַן אַנדערע, זאָל ער איר שפּײַז, איר קלײדונג, און איר װײַברעכט, ניט מינערן. 11 און אויב ער װעט איר ניט טאָן דידאָזיקע דרײ זאַכן, זאָל זי אַרויסגײן אומזיסט, אָן געלט.

12 דער װאָס שלאָגט אַ מענטשן און ער שטאַרבט, זאָל טײטן געטײט װערן. 13 אָבער דער װאָס האָט ניט געמײנט, נאָר גאָט האָט עס אונטערגעשיקט אונטער זײַן האַנט, װעל איך דיר מאַכן אַן אָרט װאָס ער זאָל אַהין אַנטרינען.

יָזִד אִישׁ עַל־רֵעֵהוּ לְהָרְגוֹ בְעָרְמָה מֵעִם מִזְבְּחִי תִּקָּחֶנּוּ
טו טז לָמוּת׃ ס וּמַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת׃ ס וְגֹנֵב
יז אִישׁ וּמְכָרוֹ וְנִמְצָא בְיָדוֹ מוֹת יוּמָת׃ ס וּמְקַלֵּל אָבִיו
יח וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת׃ ס וְכִי־יְרִיבֻן אֲנָשִׁים וְהִכָּה־אִישׁ
אֶת־רֵעֵהוּ בְּאֶבֶן אוֹ בְאֶגְרֹף וְלֹא יָמוּת וְנָפַל לְמִשְׁכָּב׃
יט אִם־יָקוּם וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ עַל־מִשְׁעַנְתּוֹ וְנִקָּה הַמַּכֶּה רַק
שני שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא׃ ס וְכִי־יַכֶּה אִישׁ אֶת־עַבְדּוֹ
כא אוֹ אֶת־אֲמָתוֹ בַּשֵּׁבֶט וּמֵת תַּחַת יָדוֹ נָקֹם יִנָּקֵם׃ אַךְ אִם־
כב יוֹם אוֹ יוֹמַיִם יַעֲמֹד לֹא יֻקַּם כִּי כַסְפּוֹ הוּא׃ ס וְכִי־
יִנָּצוּ אֲנָשִׁים וְנָגְפוּ אִשָּׁה הָרָה וְיָצְאוּ יְלָדֶיהָ וְלֹא יִהְיֶה אָסוֹן
עָנוֹשׁ יֵעָנֵשׁ כַּאֲשֶׁר יָשִׁית עָלָיו בַּעַל הָאִשָּׁה וְנָתַן בִּפְלִלִים׃
כג כד וְאִם־אָסוֹן יִהְיֶה וְנָתַתָּה נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ׃ עַיִן תַּחַת עַיִן שֵׁן
כה תַּחַת שֵׁן יָד תַּחַת יָד רֶגֶל תַּחַת רָגֶל׃ כְּוִיָּה תַּחַת כְּוִיָּה
כו פֶּצַע תַּחַת פָּצַע חַבּוּרָה תַּחַת חַבּוּרָה׃ ס וְכִי־יַכֶּה אִישׁ
אֶת־עֵין עַבְדּוֹ אוֹ־אֶת־עֵין אֲמָתוֹ וְשִׁחֲתָהּ לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ
כז תַּחַת עֵינוֹ׃ וְאִם־שֵׁן עַבְדּוֹ אוֹ־שֵׁן אֲמָתוֹ יַפִּיל לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ
תַּחַת שִׁנּוֹ׃ פ
כח וְכִי־יִגַּח שׁוֹר אֶת־אִישׁ אוֹ אֶת־אִשָּׁה וָמֵת סָקוֹל יִסָּקֵל
כט הַשּׁוֹר וְלֹא יֵאָכֵל אֶת־בְּשָׂרוֹ וּבַעַל הַשּׁוֹר נָקִי׃ וְאִם שׁוֹר
נַגָּח הוּא מִתְּמֹל שִׁלְשֹׁם וְהוּעַד בִּבְעָלָיו וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ
וְהֵמִית אִישׁ אוֹ אִשָּׁה הַשּׁוֹר יִסָּקֵל וְגַם־בְּעָלָיו יוּמָת׃
ל אִם־כֹּפֶר יוּשַׁת עָלָיו וְנָתַן פִּדְיֹן נַפְשׁוֹ כְּכֹל אֲשֶׁר־יוּשַׁת
לא עָלָיו׃ אוֹ־בֵן יִגָּח אוֹ־בַת יִגָּח כַּמִּשְׁפָּט הַזֶּה יֵעָשֶׂה לּוֹ׃
לב אִם־עֶבֶד יִגַּח הַשּׁוֹר אוֹ אָמָה כֶּסֶף ׀ שְׁלֹשִׁים שְׁקָלִים יִתֵּן
לג לַאדֹנָיו וְהַשּׁוֹר יִסָּקֵל׃ ס וְכִי־יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר אוֹ כִּי־
יִכְרֶה אִישׁ בֹּר וְלֹא יְכַסֶּנּוּ וְנָפַל־שָׁמָּה שּׁוֹר אוֹ חֲמוֹר׃
לד בַּעַל הַבּוֹר יְשַׁלֵּם כֶּסֶף יָשִׁיב לִבְעָלָיו וְהַמֵּת יִהְיֶה־לּוֹ׃
לה ס וְכִי־יִגֹּף שׁוֹר־אִישׁ אֶת־שׁוֹר רֵעֵהוּ וָמֵת וּמָכְרוּ אֶת־

לא׳ קמץ בטרחא

14 און אַז אַ מאַן וועט מוטוויליק קומען אויף זיין חבר, אים צו הרגענען מיט ליסטיקייט, זאָלסטו פון מיין מזבח אים אַראָפּנעמען צו שטאַרבן.

15 און דער וואָס שלאָגט זיין פאָטער, אָדער זיין מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן.

16 און דער וואָס גנבעט אַ מענטשן און פאַרקויפט אים, אָדער ער ווערט געפונען אין זיין האַנט, זאָל טייטן געטייט ווערן.

17 און דער וואָס שילט זיין פאָטער, אָדער זיין מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן.

18 און אַז מענטשן וועלן זיך קריגן, און איינער וועט שלאָגן דעם אַנדערן מיט אַ שטיין, אָדער מיטן פויסט, און ער וועט ניט שטאַרבן, נאָר ער וועט זיך אַוועקלייגן אין בעט, 19 איז, אויב ער וועט אויפשטיין און אַרומגיין דרויסן אויף זיין שטעקן, זאָל דער שלעגער זיין פריי; נאָר פאַר זיין זיצן ליידיק מוז ער באַצאָלן, און אויסהיילן מוז ער אים לאָזן אויסהיילן.

20 און אַז אַ מאַן וועט שלאָגן זיין קנעכט, אָדער זיין דינסט, מיט אַ שטעקן, און ער וועט שטאַרבן אונטער זיין האַנט, זאָל ער שטראָפן באַשטראָפט ווערן.

21 אויב אָבער ער וועט זיך האַלטן אַ טאָג אָדער צוויי טעג, זאָל ער ניט באַשטראָפט ווערן; וואָרום דאָס איז זיין געלט.

22 און אַז מענער וועלן זיך ראַנגלען, און וועלן אָנ־שטויסן אַ טראָגעדיקע פרוי, און אירע קינדער וועלן אַרויסגיין, אָבער קיין אומגליק וועט ניט געשען, זאָל קנסן געקנסעט ווערן [דער שולדיקער], לויט ווי דער פרויס מאַן וועט אויף אים אַרויפלייגן, און ער זאָל עס געבן פאַר די דַייָנים. 23 אויב אָבער אַן אומגליק וועט געשען, זאָלסטו געבן אַ נפש פאַר אַ נפש. 24 אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַ האַנט פאַר אַ האַנט, אַ פוס פאַר אַ פוס. 25 אַ ברען פאַר אַ ברען, אַ וווּנד פאַר אַ וווּנד, אַ בייל פאַר אַ בייל.

26 און אַז אַ מאַן וועט שלאָגן דאָס אויג פון זיין קנעכט, אָדער דאָס אויג פון זיין דינסט, און וועט עס איבערפירן, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פריי פאַר זיין אויג. 27 און אַז ער וועט אויסהאַקן אַ צאָן פון זיין קנעכט, אָדער אַ צאָן פון זיין דינסט, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פריי פאַר זיין צאָן.

28 און אַז אַן אָקס וועט שטויסן אַ מאַן אָדער אַ פרוי, און זיי וועלן שטאַרבן, זאָל פאַרשטיינען פאַרשטיינט ווערן דער אָקס, און זיין פלייש זאָל ניט געגעסן ווערן; און דער באַלעבאָס פון אָקס איז פריי. 29 אויב אָבער ער איז אַ שטויסיקער אָקס פון נעכטן־אייערנעכטן, און זיין באַלעבאָס איז געוואָרנט געוואָרן, און האָט אים ניט געהיט, און ער וועט טייטן אַ מאַן אָדער אַ פרוי, זאָל פאַרשטיינט ווערן דער אָקס, און אויך זיין באַלעבאָס זאָל געטייט ווערן. 30 אויב אַן אויסלייז וועט אַרויפגעלייגט ווערן אויף אים, זאָל ער געבן פאַרן אויסקויף פון זיין נפש וויפיל עס וועט אַרויפגע־לייגט ווערן אויף אים. 31 סיי ער וועט שטויסן אַ ייִנגל, סיי ער וועט שטויסן אַ מיידל, זאָל אַזוי ווי דער־דאָזיקער משפט געטאָן ווערן צו אים. 32 אויב דער אָקס וועט שטויסן אַ קנעכט אָדער אַ דינסט, זאָל ער געבן זיין האַר דרייסיק שֶקל זילבער, און דער אָקס זאָל פאַרשטיינט ווערן.

33 און אַז אַ מאַן וועט עפענען אַ גרוב, אָדער אַז אַ מאַן וועט גראָבן אַ גרוב, און וועט זי ניט צודעקן, און אַהין וועט אַריינפאַלן אַן אָקס אָדער אַן אייזל, 34 זאָל דער באַלעבאָס פון דער גרוב באַצאָלן; געלט זאָל ער אומקערן צו זייער באַלעבאָס, און די טויטע בהמה זאָל געהערן צו אים.

35 און אַז אַ מאַנס אָקס וועט שעדיקן דעם אָקס פון זיין חבר, און ער וועט אַוועקפאַלן, זאָלן זיי פאַרקויפן

לו הַשּׁוֹר הַחַי וְחָצוּ אֶת־כַּסְפּוֹ וְגַם אֶת־הַמֵּת יֶחֱצוּן׃ אוֹ נוֹדַע
כִּי שׁוֹר נַגָּח הוּא מִתְּמוֹל שִׁלְשֹׁם וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ בְּעָלָיו
לז שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם שׁוֹר תַּחַת הַשּׁוֹר וְהַמֵּת יִהְיֶה־לּוֹ׃ ס כִּי
יִגְנֹב־אִישׁ שׁוֹר אוֹ־שֶׂה וּטְבָחוֹ אוֹ מְכָרוֹ חֲמִשָּׁה בָקָר יְשַׁלֵּם
תַּחַת הַשּׁוֹר וְאַרְבַּע־צֹאן תַּחַת הַשֶּׂה׃

כב

א אִם־בַּמַּחְתֶּרֶת יִמָּצֵא הַגַּנָּב וְהֻכָּה וָמֵת אֵין לוֹ דָּמִים׃
ב אִם־זָרְחָה הַשֶּׁמֶשׁ עָלָיו דָּמִים לוֹ שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם אִם־אֵין
ג לוֹ וְנִמְכַּר בִּגְנֵבָתוֹ׃ אִם־הִמָּצֵא תִמָּצֵא בְיָדוֹ הַגְּנֵבָה
של׳ מִשּׁוֹר עַד־חֲמוֹר עַד־שֶׂה חַיִּים שְׁנַיִם יְשַׁלֵּם׃ ס כִּי
יַבְעֶר־אִישׁ שָׂדֶה אוֹ־כֶרֶם וְשִׁלַּח אֶת־בְּעִירֹה וּבִעֵר בִּשְׂדֵה
ה אַחֵר מֵיטַב שָׂדֵהוּ וּמֵיטַב כַּרְמוֹ יְשַׁלֵּם׃ ס כִּי־תֵצֵא
אֵשׁ וּמָצְאָה קֹצִים וְנֶאֱכַל גָּדִישׁ אוֹ הַקָּמָה אוֹ הַשָּׂדֶה
ו שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם הַמַּבְעִר אֶת־הַבְּעֵרָה׃ ס כִּי־יִתֵּן אִישׁ
אֶל־רֵעֵהוּ כֶּסֶף אוֹ־כֵלִים לִשְׁמֹר וְגֻנַּב מִבֵּית הָאִישׁ אִם־
ז יִמָּצֵא הַגַּנָּב יְשַׁלֵּם שְׁנָיִם׃ אִם־לֹא יִמָּצֵא הַגַּנָּב וְנִקְרַב
בַּעַל־הַבַּיִת אֶל־הָאֱלֹהִים אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ בִּמְלֶאכֶת
ח רֵעֵהוּ׃ עַל־כָּל־דְּבַר־פֶּשַׁע עַל־שׁוֹר עַל־חֲמוֹר עַל־שֶׂה
עַל־שַׂלְמָה עַל־כָּל־אֲבֵדָה אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי־הוּא זֶה עַד
הָאֱלֹהִים יָבֹא דְּבַר־שְׁנֵיהֶם אֲשֶׁר יַרְשִׁיעֻן אֱלֹהִים יְשַׁלֵּם
ט שְׁנַיִם לְרֵעֵהוּ׃ ס כִּי־יִתֵּן אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ חֲמוֹר אוֹ־שׁוֹר
אוֹ־שֶׂה וְכָל־בְּהֵמָה לִשְׁמֹר וּמֵת אוֹ־נִשְׁבַּר אוֹ־נִשְׁבָּה אֵין
י רֹאֶה׃ שְׁבֻעַת יְהוָֹה תִּהְיֶה בֵּין שְׁנֵיהֶם אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ
יא בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ וְלָקַח בְּעָלָיו וְלֹא יְשַׁלֵּם׃ וְאִם־גָּנֹב
יב יִגָּנֵב מֵעִמּוֹ יְשַׁלֵּם לִבְעָלָיו׃ אִם־טָרֹף יִטָּרֵף יְבִאֵהוּ עֵד
הַטְּרֵפָה לֹא יְשַׁלֵּם׃ פ
יג וְכִי־יִשְׁאַל אִישׁ מֵעִם רֵעֵהוּ וְנִשְׁבַּר אוֹ־מֵת בְּעָלָיו אֵין־

כב, ד׳ בעיו ק

דעם לעבעדיקן אָקס, און זיך צעטיילן מיטן געלט; און אויך מיטן טויטן זאָלן זיי זיך צעטיילן. [36] אויב עס איז באַוווּסט, אַז ער איז אַ שטויסיקער אָקס פון לאַנג אָן, און זיין באַלעבאָס האָט אים ניט געהיט, זאָל ער צאָלן באַצאָלן אַן אָקס פאַרן אָקס, און דער טויטער זאָל געהערן צו אים.

[37] אַז אַ מאַן וועט גנבען אַן אָקס אָדער אַ שעפּס, און וועט אים שעכטן, אָדער ער וועט אים פאַרקויפן, זאָל ער באַצאָלן פינף רינדער פאַרן אָקס, און פיר שאָף פאַרן שעפּס.

## כב

[1] אַז אַ גנב וועט געכאַפּט ווערן ביי אַן איינברעכונג, און וועט קריגן געשלאָגן און וועט שטאַרבן, איז ניטאָ פאַר אים קיין בלוטשולד. [2] אויב אָבער די זון איז אויפגעגאַנגען איבער אים, איז דאָ פאַר אים בלוטשולד.

[א]באַצאָלן מוז ער באַצאָלן; אויב ער האָט ניט, זאָל ער פאַרקויפט ווערן פאַר זיין גנבה. [3] אויב געפונען וועט געפונען ווערן די גנבה אין זיין האַנט אַ לעבעדיקע, סיי אַן אָקס, סיי אַן אייזל, סיי אַ שעפּס, זאָל ער באַצאָלן טאָפּל.

[4] אַז אַ מאַן וועט לאָזן אָפּעסן אַ פעלד אָדער אַ ווייגאָרטן, און וועט אַרויסלאָזן זיין בהמה, און זי וועט אָפּעסן אין אַן אַנדערנס פעלד, זאָל ער מיט דעם בעסטן פון זיין פעלד, און מיט דעם בעסטן פון זיין ווייגאָרטן באַצאָלן.

[5] אַז אַ פייער וועט אַרויסגיין, און וועט אָנטרעפן דערנער, און עס וועט פאַרצערט ווערן אַ סטויג, אָדער שטייענדיקע תבואה, אָדער אַ פעלד, זאָל צאָלן באַצאָלן דער וואָס האָט אָנגעצונדן די שׂרפה.

[6] אַז אַ מאַן וועט געבן זיין חבר געלט אָדער זאַכן צום היטן, און עס וועט געגנבעט ווערן פון דעם מאַנס הויז, אויב דער גנב וועט געפונען ווערן, זאָל ער באַצאָלן טאָפּל; [7] אויב דער גנב וועט ניט געפונען ווערן, זאָל דער באַלעבאָס פון הויז גענענען צו גאָט[ב]: צי ער האָט ניט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף זיין חברס האָב. [8] ביי איטלעכן חשד פון אומערלעכקייט, וועגן אַן אָקס, וועגן אַן אייזל, וועגן אַ שעפּס, וועגן אַ קלייד, וועגן וואָסער עס איז פאַרלאָרענער זאַך, וואָס איינער זאָגט, אַז דאָס איז עס, זאָל די זאַך פון ביידן קומען פאַר גאָט; דער וועמען גאָט וועט מאַכן שולדיק, זאָל באַצאָלן זיין חבר טאָפּל.

[9] אַז אַ מאַן וועט געבן זיין חבר אַן אייזל, אָדער אַן אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער וואָסער עס איז בהמה צום היטן, און זי וועט אַוועקפאַלן, אָדער געשעדיקט ווערן, אָדער געפאַנגען ווערן, ווען קיינער זעט ניט, [10] זאָל אַ שבועה פון גאָט זיין צווישן זיי ביידן, אויב ער האָט ניט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף זיין חברס האָב; און איר באַלעבאָס זאָל עס אָננעמען, און ער דאַרף ניט באַצאָלן. [11] אויב אָבער גנבען איז זי געגנבעט געוואָרן פון אים, מוז ער באַצאָלן איר באַלעבאָס. [12] אויב פאַרצוקן איז זי פאַרצוקט געוואָרן, זאָל ער ברענגען פון איר צום עדות; פאַר אַ פאַרצוקטער דאַרף ער ניט באַצאָלן.

[13] און אַז אַ מאַן וועט באָרגן [אַ בהמה] פון זיין חבר, און זי וועט געשעדיקט ווערן, אָדער אַוועקפאַלן—איז איר

[א] פאַרבינדט זיך מיט פסוק 37 פון פריערדיקן קאַפּיטל. [ב] צו בית־דין.

יד עִמּוֹ שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם׃ אִם־בְּעָלָיו עִמּוֹ לֹא יְשַׁלֵּם אִם־שָׂכִיר
טו הוּא בָּא בִּשְׂכָרוֹ׃ ס וְכִי־יְפַתֶּה אִישׁ בְּתוּלָה אֲשֶׁר
טז לֹא־אֹרָשָׂה וְשָׁכַב עִמָּהּ מָהֹר יִמְהָרֶנָּה לּוֹ לְאִשָּׁה׃ אִם־
מָאֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ כֶּסֶף יִשְׁקֹל כְּמֹהַר הַבְּתוּלֹת׃
יז יח ס מְכַשֵּׁפָה לֹא תְחַיֶּה׃ כָּל־שֹׁכֵב עִם־בְּהֵמָה מוֹת
יט יוּמָת׃ ס זֹבֵחַ לָאֱלֹהִים יָחֳרָם בִּלְתִּי לַיהוָה לְבַדּוֹ׃
כ וְגֵר לֹא־תוֹנֶה וְלֹא תִלְחָצֶנּוּ כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
כא כב כָּל־אַלְמָנָה וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן׃ אִם־עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ כִּי
כג אִם־צָעֹק יִצְעַק אֵלַי שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ׃ וְחָרָה אַפִּי
וְהָרַגְתִּי אֶתְכֶם בֶּחָרֶב וְהָיוּ נְשֵׁיכֶם אַלְמָנוֹת וּבְנֵיכֶם יְתֹמִים׃ פ
כד אִם־כֶּסֶף ׀ תַּלְוֶה אֶת־עַמִּי אֶת־הֶעָנִי עִמָּךְ לֹא־תִהְיֶה לוֹ
כה כְּנֹשֶׁה לֹא־תְשִׂימוּן עָלָיו נֶשֶׁךְ׃ אִם־חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת
כו רֵעֶךָ עַד־בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ׃ כִּי הִוא כְסוּתֹה לְבַדָּהּ
הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב וְהָיָה כִּי־יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי
רב׳ כִּי־חַנּוּן אָנִי׃ * ס אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל וְנָשִׂיא בְעַמְּךָ לֹא
כח תָאֹר׃ מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ לֹא תְאַחֵר בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּתֶּן־לִּי׃
כט כֵּן־תַּעֲשֶׂה לְשֹׁרְךָ לְצֹאנֶךָ שִׁבְעַת יָמִים יִהְיֶה עִם־אִמּוֹ בַּיּוֹם
ל הַשְּׁמִינִי תִּתְּנוֹ־לִי׃ וְאַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה
טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ לַכֶּלֶב תַּשְׁלִכוּן אֹתוֹ׃ ס

כג

א לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא אַל־תָּשֶׁת יָדְךָ עִם־רָשָׁע לִהְיֹת עֵד
ב חָמָס׃ לֹא־תִהְיֶה אַחֲרֵי־רַבִּים לְרָעֹת וְלֹא־תַעֲנֶה עַל־רִב
ג לִנְטֹת אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת׃ וְדָל לֹא תֶהְדַּר בְּרִיבוֹ׃ ס
ד כִּי תִפְגַּע שׁוֹר אֹיִבְךָ אוֹ חֲמֹרוֹ תֹּעֶה הָשֵׁב תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ׃
ה ס כִּי־תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ רֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ וְחָדַלְתָּ
חמ׳ מֵעֲזֹב לוֹ עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ׃ ס לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט אֶבְיֹנְךָ
ז בְּרִיבוֹ׃ מִדְּבַר־שֶׁקֶר תִּרְחָק וְנָקִי וְצַדִּיק אַל־תַּהֲרֹג

כד׳ סגול בסיס כג׳ כסותו ק׳ קמץ בזיק כז׳ חצי הספר בפסוקים

באַלעבאָס ניט מיט איר, מוז ער צאָלן באַצאָלן. 14 אויב איר באַלעבאָס איז מיט איר, דאַרף ער ניט באַצאָלן. אויב זי איז אַ געדונגענע, גייט דאָס אַריין אין איר לוין.

15 און אַז אַ מאַן וועט פאַרפירן אַ יונגפרוי וואָס איז ניט פאַרקנַסט, און וועט ליגן מיט איר, זאָל ער מיט נדן זי מאַכן פאַר זיין ווייב. 16 אויב איר פאָטער וועט זי אים ניט וועלן געבן, זאָל ער באַצאָלן געלט לויט דעם נדן פון יונגפרויען.

17 אַ מכשפה זאָלסטו ניט לאָזן לעבן.

18 איטלעכער וואָס ליגט מיט אַ בהמה זאָל טייטן געטייט ווערן.

19 דער וואָס שלאַכט צו געטער, אַחוץ צו יהוה אַליין, זאָל ווערן חרם.

20 און אַ פרעמדן זאָלסטו ניט קריוודען, און זאָלסט אים ניט דריקן, וואָרום פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם.

21 אַן אַלמנה און אַ יתום זאָלט איר ניט פּייניקן. 22 אויב פּייניקן וועסטו אים פּייניקן, איז, ווי נאָר ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך זיכער צוהערן זיין געשריי. 23 און מיין צאָרן וועט גרימען, און איך וועל אײַך הרגען מיטן שווערד, און אײַערע ווייבער וועלן זיין אַלמנות, און אײַערע קינדער יתומים.

24 אַז דו וועסט געלט לייען מיין פאָלק, דעם אָרימאַן ביי דיר, זאָלסטו ניט זיין צו אים ווי אַ בעל־חוב; איר זאָלט ניט אַרויפלייגן אויף אים צינזן.

25 אַז דו וועסט נעמען אין משכּון דיין חברס קלייד, זאָלסטו עס אים אומקערן איידער די זון גייט אונטער; 26 וואָרום דאָס איז זיין איינציקער צודעק, דאָס איז זיין קלייד פאַר זיין לייב; אין וואָס וועט ער שלאָפן? איז, אַז ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך צוהערן, וואָרום איך בין לייטזעליק.

27 גאָט זאָלסטו ניט שילטן, און אַ פירשט אין דיין פאָלק זאָלסטו ניט פלוכן.

28 [די גאָב פון] דיין פולקייט און דיין שֶפעא זאָלסטו ניט שפּעטיקן. דעם בכוֹר פון דיינע זין זאָלסטו אָפּגעבן צו מיר. 29 דעסגלייכן זאָלסטו טאָן מיט דיין אָקס, מיט דיינע שאָף; זיבן טעג זאָל עס זיין ביי זיין מוטער, אויפן אַכטן טאָג זאָלט איר עס אָפּגעבן צו מיר.

30 און הייליקע מענטשן זאָלט איר מיר זיין, און פלייש פון אַ פאַרצוקטער אויפן פעלד זאָלט איר ניט עסן; פאַרן הונט זאָלט איר עס אַוועקוואַרפן.

כג 1 זאָלסט ניט אַרויסלאָזן אַ פאַלשן קלאַנג; זאָלסט ניט מאַכן איין האַנט מיט דעם רשע צו זיין אַן עדות אויף אומרעכט. 2 זאָלסט ניט נאָכגיין נאָך אַ רַבּים צום בייזן; און אין אַ קריג זאָלסטו ניט עדות זאָגן כּדי זיך צו נייגן נאָך אַ רַבּים צו פאַרדרייען. 3 און אַן אָרימאַן זאָלסטו ניט שאַנעווען אין זיין קריג.

4 אַז דו וועסט טרעפן דיין שׂונאס אָקס, אָדער זיין אייזל, בלאָנדזשענדיק, זאָלסטו אומקערן אים אומקערן צו אים.

5 אַז דו וועסט זען דיין שׂונאס אייזל ליגן אונטער זיין משׂא, זאָלסטו זיך אָפּהאַלטן פון איבערלאָזן צו אים; אָפּבינדן זאָלסטו אָפּבינדן אין איינעם מיט אים.

6 זאָלסט ניט פאַרדרייען דאָס רעכט פון דיין אביון אין זיין קריג. 7 פון אַ פאַלשן פסק זאָלסטו זיך דערווייטערן, און אַן אומשולדיקן און גערעכטן זאָלסטו ניט הרגען; וואָרום איך וועל ניט לאָזן בלייבן

[א] פולערע איבערזעצונג: די גאָב פון דער פולקייט פון דיין שניט, און פון דעם אויסגוס פון דיין קעלטער.

ח כִּי־לֹא־אַצְדִּיק רָשָׁע׃ וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר
ט פִּקְחִים וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִים׃ וְגֵר לֹא תִלְחָץ וְאַתֶּם
יְדַעְתֶּם אֶת־נֶפֶשׁ הַגֵּר כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
י וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע אֶת־אַרְצֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת־תְּבוּאָתָהּ׃
יא וְהַשְּׁבִיעִת תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ וְאָכְלוּ אֶבְיֹנֵי עַמֶּךָ וְיִתְרָם
יב תֹּאכַל חַיַּת הַשָּׂדֶה כֵּן־תַּעֲשֶׂה לְכַרְמְךָ לְזֵיתֶךָ׃ שֵׁשֶׁת יָמִים
תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת לְמַעַן יָנוּחַ שׁוֹרְךָ
יג וַחֲמֹרֶךָ וְיִנָּפֵשׁ בֶּן־אֲמָתְךָ וְהַגֵּר׃ וּבְכֹל אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי
אֲלֵיכֶם תִּשָּׁמֵרוּ וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ לֹא
יד טו יִשָּׁמַע עַל־פִּיךָ׃ שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחֹג לִי בַּשָּׁנָה׃ אֶת־חַג
הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב כִּי־בוֹ יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם וְלֹא־יֵרָאוּ
טז פָנַי רֵיקָם׃ וְחַג הַקָּצִיר בִּכּוּרֵי מַעֲשֶׂיךָ אֲשֶׁר תִּזְרַע בַּשָּׂדֶה
וְחַג הָאָסִף בְּצֵאת הַשָּׁנָה בְּאָסְפְּךָ אֶת־מַעֲשֶׂיךָ מִן־הַשָּׂדֶה׃
יז שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָּל־זְכוּרְךָ אֶל־פְּנֵי הָאָדֹן ׀
יח יְהוָה׃ לֹא־תִזְבַּח עַל־חָמֵץ דַּם־זִבְחִי וְלֹא־יָלִין חֵלֶב־חַגִּי
יט עַד־בֹּקֶר׃ רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לֹא־תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ׃ פ
ששי כ הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ לְפָנֶיךָ לִשְׁמָרְךָ בַּדָּרֶךְ וְלַהֲבִיאֲךָ
כא אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר הֲכִנֹתִי׃ הִשָּׁמֶר מִפָּנָיו וּשְׁמַע בְּקֹלוֹ
כב אַל־תַּמֵּר בּוֹ כִּי לֹא יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ׃ כִּי
אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע בְּקֹלוֹ וְעָשִׂיתָ כֹּל אֲשֶׁר אֲדַבֵּר וְאָיַבְתִּי
כג אֶת־אֹיְבֶיךָ וְצַרְתִּי אֶת־צֹרְרֶיךָ׃ כִּי־יֵלֵךְ מַלְאָכִי לְפָנֶיךָ
וֶהֱבִיאֲךָ אֶל־הָאֱמֹרִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי וְהַכְּנַעֲנִי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי
כד וְהִכְחַדְתִּיו׃ לֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה לֵאלֹהֵיהֶם וְלֹא תָעָבְדֵם וְלֹא
תַעֲשֶׂה כְּמַעֲשֵׂיהֶם כִּי הָרֵס תְּהָרְסֵם וְשַׁבֵּר תְּשַׁבֵּר
כה מַצֵּבֹתֵיהֶם׃ וַעֲבַדְתֶּם אֵת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת־
כו לַחְמְךָ וְאֶת־מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ׃ ס לֹא

גערעכט דעם שולדיקן. [8] און שוחד זאָלסטו ניט נעמען, וואָרום שוחד מאַכט בלינד זעעדיקע, און פאַרדרייט די ווערטער פון גערעכטע.

[9] און אַ פרעמדן זאָלסטו ניט דריקן, וואָרום איר ווייסט דאָס געמיט פון דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים.

[10] און זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין לאַנד, און אייַנזאַמלען איר תבואה; [11] אָבער דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו עס פאַרלאָזן און עס איבערלאָזן פריי, כּדי די אביונים פון דיין פאָלק זאָלן עסן; און וואָס בלייבט פון זיי, זאָל עסן די חיה פון פעלד. דעסגלייכן זאָלסטו טאָן מיט דיין ווייַנגאָרטן, מיט דיין אייַלבערטגאָרטן.

[12] זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיינע אַרבעט, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כּדי עס זאָל־רוען דיין אָקס און דיין אייזל, און עס זאָל אָפּעטעמען דער זון פון דיין דינסט, און דער פרעמדער.

[13] און אין אַלץ, וואָס איך האָב אייַך אָנגעזאָגט, זאָלט איר זיין אָפּגעהיט; און דעם נאָמען פון פרעמדע געטער זאָלט איר ניט דערמאָנען; עס זאָל פון דיין מויל ניט גע־הערט ווערן.

[14] דריי מאָל אין יאָר זאָלסטו האַלטן אַ יום־טוב צו מיר. [15] דעם יום־טוב פון מצות זאָלסטו היטן: זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן, צו דער געשטעלטער צייט אין חודש אביב, וואָרום אין אים ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון מצרים; און מע זאָל זיך ניט ווייזן פאַר מיר מיט ליידיקן; [16] און דעם יום־טוב פון שניט, פון די ערשטפרוכט פון דיינע אַרבעט, פון וואָס דו וועסט פאַרזייען אין פעלד; און דעם יום־טוב פון אייַנזאַמלונג ביים אויסלאָז פון יאָר, ווען דו זאַמלסט אייַן דיינע אַרבעט פון פעלד. [17] דריי מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דיינע מאַנספאַרשוינען זיך ווייזן פאַר דעם האַר, גאָט.

[18] זאָלסט ניט מקריב זיין מיט געזייערטן ברויט דאָס בלוט פון מיין שלאַכטאָפּפער; און דאָס אָפּפערפעטס פון מיין יום־טוב זאָל ניט איבערנעכטיקן ביז אין דער פרי.

[19] די ערשט פריצייטיקע פון דיין ערד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון יהוה דיין גאָט.

זאָלסט ניט קאָכן אַ ציקעלע אין זיין מוטערס מילך.

[20] זע, איך שיק דיר פאַרויס אַ מלאך, דיך צו היטן אויפן וועג, און דיך צו ברענגען צו דעם אָרט וואָס איך האָב אָנגעברייט. [21] היט דיך פאַר אים, און הער צו זיין קול; זאָלסט ניט ווידערשפּעניקן אָן אים, וואָרום ער וועט ניט פאַרגעבן אייער פאַרברעך, ווייל מיין נאָמען איז אין אים. [22] אָבער אויב צו־הערן וועסטו צוהערן צו זיין קול, און וועסט טאָן אַלץ וואָס איך רעד, וועל איך פיינטן דיינע פיינט, און דריקן דיינע דריקער. [23] וואָרום מיין מלאך וועט גיין דיר פאַרויס, און ער וועט דיך ברענגען צו דעם אמורי, און דעם חתי, און דעם פרזי, און דעם כנעני, דעם חוי, און דעם יבוסי; און איך וועל זיי פאַרטיליקן. [24] זאָלסט זיך ניט בוקן צו זייערע געטער, און זאָלסט זיי ניט דינען, און זאָלסט ניט טאָן אַזוי ווי זייערע מעשים; נייערט צעשטערן זאָלסטו זיי צעשטערן, און צעברעכן זאָלסטו צעברעכן זייערע זיילשטיינער. [25] און איר זאָלט דינען יהוה אייער גאָט, און ער וועט בענטשן דיין ברויט און דיין וואַסער; און איך וועל אָפּטאָן קראַנקשאַפט פון צווישן דיר. [26] עס וועט ניט

זיין אַ פאַרוואַרפערין אָדער אַן עקרה אין דיין לאַנד; די צאָל פון דיינע טעג וועל איך אויספילן. [27] מיין אימה וועל איך שיקן דיר פאַרויס, און וועל פאַרטומלען אַלדאָס פאָלק וואָס דו וועסט קומען צווישן זיי, און איך וועל קערן אַלע דיינע פיינט מיטן נאַקן צו דיר. [28] און איך וועל שיקן דיר פאַרויס די האָרנבין, און זי וועט פאַרטרייבן דעם חִוִי, דעם כנַעֲני, און דעם חִתִּי, פון פאַר דיר. [29] איך וועל זיי ניט פאַרטרייבן פון פאַר דיר אין איין יאָר, טאָמער וועט דאָס לאַנד ווערן אַ וויסטעניש, און עס וועט זיך מערן אויף דיר די חיה פון פעלד. [30] ביסלעכ־ביסלעכווייז וועל איך זיי פאַרטרייבן פון פאַר דיר, ביז וואַנען דו וועסט זיך פרוכפּערן, און וועסט אַרבן דאָס לאַנד. [31] און איך וועל מאַכן דיין געמאַרק פון ים־סוף און ביז דעם ים פון די פּלִשתּים, און פון מדבר ביזן טייך[א]; וואָרום איך וועל געבן אין אַייער האַנט די באַוווינער פון לאַנד, און וועסט זיי פאַרטרייבן פון פאַר דיר. [32] זאָלסט ניט שליסן אַ בונד זיי און זייערע געטער. [33] זיי זאָלן ניט זיצן אין דיין לאַנד, כּדי זיי זאָלן דיך ניט מאַכן זינדיקן צו מיר, אַז דו וועסט דינען זייערע געטער; וואָרום דאָס וועט דיר זיין פאַר אַ שטרויכלונג.

תִּהְיֶה מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה בְּאַרְצֶךָ אֶת־מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא׃
כז אֶת־אֵימָתִי אֲשַׁלַּח לְפָנֶיךָ וְהַמֹּתִי אֶת־כָּל־הָעָם אֲשֶׁר
כח תָּבֹא בָּהֶם וְנָתַתִּי אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ אֵלֶיךָ עֹרֶף׃ וְשָׁלַחְתִּי
אֶת־הַצִּרְעָה לְפָנֶיךָ וְגֵרְשָׁה אֶת־הַחִוִּי אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־
כט הַחִתִּי מִלְּפָנֶיךָ׃ לֹא אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ בְּשָׁנָה אֶחָת פֶּן־
ל תִּהְיֶה הָאָרֶץ שְׁמָמָה וְרַבָּה עָלֶיךָ חַיַּת הַשָּׂדֶה׃ מְעַט
מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת־הָאָרֶץ׃
לא וְשַׁתִּי אֶת־גְּבֻלְךָ מִיַּם־סוּף וְעַד־יָם פְּלִשְׁתִּים וּמִמִּדְבָּר
עַד־הַנָּהָר כִּי ׀ אֶתֵּן בְּיֶדְכֶם אֵת יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ וְגֵרַשְׁתָּמוֹ
לב לג מִפָּנֶיךָ׃ לֹא־תִכְרֹת לָהֶם וְלֵאלֹהֵיהֶם בְּרִית׃ לֹא יֵשְׁבוּ
בְּאַרְצְךָ פֶּן־יַחֲטִיאוּ אֹתְךָ לִי כִּי תַעֲבֹד אֶת־אֱלֹהֵיהֶם כִּי־
יִהְיֶה לְךָ לְמוֹקֵשׁ׃ פ

כד

א וְאֶל־מֹשֶׁה אָמַר עֲלֵה אֶל־יְהוָה אַתָּה וְאַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא
ב וְשִׁבְעִים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם מֵרָחֹק׃ וְנִגַּשׁ מֹשֶׁה
ג לְבַדּוֹ אֶל־יְהוָה וְהֵם לֹא יִגָּשׁוּ וְהָעָם לֹא יַעֲלוּ עִמּוֹ׃ וַיָּבֹא
מֹשֶׁה וַיְסַפֵּר לָעָם אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה וְאֵת כָּל־הַמִּשְׁפָּטִים
וַיַּעַן כָּל־הָעָם קוֹל אֶחָד וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־דִּבֶּר
ד יְהוָה נַעֲשֶׂה׃ וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה וַיַּשְׁכֵּם
בַּבֹּקֶר וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ תַּחַת הָהָר וּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה מַצֵּבָה
ה לִשְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלַח אֶת־נַעֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
ו וַיַּעֲלוּ עֹלֹת וַיִּזְבְּחוּ זְבָחִים שְׁלָמִים לַיהוָה פָּרִים׃ וַיִּקַּח
מֹשֶׁה חֲצִי הַדָּם וַיָּשֶׂם בָּאַגָּנֹת וַחֲצִי הַדָּם זָרַק עַל־
ז הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיִּקַּח סֵפֶר הַבְּרִית וַיִּקְרָא בְּאָזְנֵי הָעָם וַיֹּאמְרוּ
ח כֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־הַדָּם
וַיִּזְרֹק עַל־הָעָם וַיֹּאמֶר הִנֵּה דַם־הַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרַת יְהוָה
ט עִמָּכֶם עַל כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיַּעַל מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן נָדָב
י וַאֲבִיהוּא וְשִׁבְעִים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּרְאוּ אֵת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל

## כד

[1] און צו משהן האָט ער געזאָגט: גיי אַרויף צו גאָט, דו, און אַהרן, נָדָב, און אַביהוא, און זיבעציק פון די עלטסטע פון ישׂראל, און איר זאָלט זיך בוקן פון דער ווייטן. [2] און משה אַליין זאָל גענענען צו גאָט; אָבער זיי זאָלן ניט גענענען. און דאָס פאָלק זאָל ניט אַרויפגיין מיט אים.

[3] איז משה געקומען, און האָט דערציילט דעם פאָלק אַלע ווערטער פון גאָט, און אַלע געזעצן; און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט מיט איין קָול, און געזאָגט: אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן.

[4] און משה האָט פאַרשריבן אַלע ווערטער פון גאָט, און ער האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און האָט געבויט אַ מזבח אונטערן באַרג, און צוועלף זיילשטיינער אַקעגן די צוועלף שבטים פון ישׂראל. [5] און ער האָט געשיקט די יונגע לייט פון די קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און געשלאַכט אָקסן פרידאָפּפער צו גאָט. [6] און משה האָט גענומען העלפט פון דעם בלוט, און אַריינגעטאָן אין בעקנס, און העלפט פון דעם בלוט האָט ער גע־שפּרענגט אויפן מזבח. [7] און ער האָט גענומען דאָס בוך פון בונד, און געלייענט אין די אויערן פון פאָלק; און זיי האָבן געזאָגט: אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן. [8] און משה האָט גענומען דאָס בלוט, און האָט געשפּרענגט אויפן פאָלק, און האָט געזאָגט: אָט איז דאָס בלוט פון דעם בונד וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אַייך אויף אַלע דידאָזיקע ווערטער.

[9] און משה, און אַהרן, נָדָב, און אַביהוא, און זיבעציק פון די עלטסטע פון ישׂראל, זיינען אַרויפגעגאַנגען; [10] און זיי

[א] טייך פּרת.

וְתַחַת רַגְלָיו כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר וּכְעֶצֶם הַשָּׁמַיִם
לָטֹהַר׃ וְאֶל־אֲצִילֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁלַח יָדוֹ וַיֶּחֱזוּ אֶת־ יא
הָאֱלֹהִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה יב
עֲלֵה אֵלַי הָהָרָה וֶהְיֵה־שָׁם וְאֶתְּנָה לְךָ אֶת־לֻחֹת הָאֶבֶן
וְהַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה אֲשֶׁר כָּתַבְתִּי לְהוֹרֹתָם׃ וַיָּקָם מֹשֶׁה יג
וִיהוֹשֻׁעַ מְשָׁרְתוֹ וַיַּעַל מֹשֶׁה אֶל־הַר הָאֱלֹהִים׃ וְאֶל־ יד
הַזְּקֵנִים אָמַר שְׁבוּ־לָנוּ בָזֶה עַד אֲשֶׁר־נָשׁוּב אֲלֵיכֶם וְהִנֵּה
אַהֲרֹן וְחוּר עִמָּכֶם מִי־בַעַל דְּבָרִים יִגַּשׁ אֲלֵהֶם׃ וַיַּעַל מפ׳
מֹשֶׁה אֶל־הָהָר וַיְכַס הֶעָנָן אֶת־הָהָר׃ וַיִּשְׁכֹּן כְּבוֹד־יְהוָה טז
עַל־הַר סִינַי וַיְכַסֵּהוּ הֶעָנָן שֵׁשֶׁת יָמִים וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִתּוֹךְ הֶעָנָן׃ וּמַרְאֵה כְּבוֹד יְהוָה כְּאֵשׁ יז
אֹכֶלֶת בְּרֹאשׁ הָהָר לְעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה יח
בְּתוֹךְ הֶעָנָן וַיַּעַל אֶל־הָהָר וַיְהִי מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם
וְאַרְבָּעִים לָיְלָה׃ פ

האָבן געזען דעם גאָט פון ישראל; און אונטער זיינע פיס איז געווען אַזוי ווי אַ פלאַסטערווערק פון סאַפירשטיין, און אַזוי ווי דער הימל אַליין אין לויטערקייט. [11] און אויף די אַדללייט פון די קינדער פון ישראל האָט ער ניט אויסגעשטרעקט זיין האַנט; און זיי האָבן געזען גאָט, און האָבן געגעסן און געטרונקען.

[12] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום אַרויף צו מיר אויפן באַרג, און זיי דאָרטן, און איך וועל דיר געבן די שטיינערנע לוחות מיט דער תורה און דעם געבאָט וואָס איך האָב אויפגעשריבן זיי צו לערנען.

[13] איז אויפגעשטאַנען משה, און זיין באַדינער יהושע, און משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג פון גאָט. [14] און צו די עלטסטע האָט ער געזאָגט: האַרט דאָ אויף אונדז, ביז וואַנען מיר וועלן זיך אומקערן צו אַייך. און אָט זיינען אַהרן און חור מיט אַייך; ווער עס האָט אַ משפט זאָל גענענען צו זיי.

[15] און משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג, און דער וואָלקן האָט צוגעדעקט דעם באַרג. [16] און די פּראַכט פון גאָט האָט גערוט אויפן באַרג סיני, און דער וואָלקן האָט אים אַיינגעדעקט זעקס טעג; און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערופן צו משהן פון וואָלקן.

[17] און דאָס אויסזען פון גאָטס פּראַכט איז געווען אַזוי ווי אַ פאַרצערעדיק פייער אויפן שפּיץ באַרג, פאַר די אויגן פון די קינדער פון ישראל. [18] און משה איז אַריינגעגאַנגען אין מיטן וואָלקן, און איז אַרויף אויפן באַרג; און משה איז געווען אויפן באַרג פערציק טעג און פערציק נעכט.

# תְּרוּמָה

כה

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל א ב
וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ
אֶת־תְּרוּמָתִי׃ וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם זָהָב ג
וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת׃ וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ וְעִזִּים׃ ד
וְעֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים׃ שֶׁמֶן ה ו
לַמָּאֹר בְּשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים׃ אַבְנֵי־ ז
שֹׁהַם וְאַבְנֵי מִלֻּאִים לָאֵפֹד וְלַחֹשֶׁן׃ וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ ח
וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם׃ כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנִי מַרְאֶה אוֹתְךָ אֵת תַּבְנִית ט
הַמִּשְׁכָּן וְאֵת תַּבְנִית כָּל־כֵּלָיו וְכֵן תַּעֲשׂוּ׃ ס וְעָשׂוּ י
אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבּוֹ
וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ׃ וְצִפִּיתָ אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר מִבַּיִת וּמִחוּץ יא
תְּצַפֶּנּוּ וְעָשִׂיתָ עָלָיו זֵר זָהָב סָבִיב׃ וְיָצַקְתָּ לּוֹ אַרְבַּע יב

כה [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן נעמען פאַר מיר אַן אָפּשיידונג; פון יעטוועדער מאַן וואָס זיין האַרץ וועט אים באַוויליקן, זאָלט איר נעמען מיין אָפּשיידונג. [3] און דאָס איז די אָפּשיידונג וואָס איר זאָלט נעמען פון זיי: גאָלד, און זילבער, און קופּער; [4] און בלאָע וואָל, און פּורפּל, און ווערמילרויט, און ליינען, און ציגנהאָר; [5] און רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און תחש־פעלן, און שטים־האָלץ; [6] אייל פאַר דער לייכטונג, בשמים פאַר דעם אייל פון זאַלבונג, און פאַר דעם ווייראויך פון שמעקעדיקע געווירצן; [7] אָניקלשטיינער, און שטיינער צום אַיינפאַסן, פאַר דעם אֵפוד, און פאַר דעם חושן. [8] און זיי זאָלן מיר מאַכן אַ הייליקטום, אַז איך זאָל רוען צווישן זיי. [9] אַזוי ווי אַלץ וואָס איך ווייז דיר, די געשטאַלט פון דעם משכן, און די געשטאַלט פון אַלע זיינע כלים, אָט אַזוי זאָלט איר מאַכן.

[10] און זיי זאָלן מאַכן אַן אָרון פון שטים־האָלץ; צוויי איילן און אַ האַלב זיין לענג, און אַן אייל און אַ האַלב זיין ברייט, און אַן אייל און אַ האַלב זיין הייך. [11] און זאָלסט אים איבערציען מיט ריינעם גאָלד–פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק זאָלסטו אים איבערציען; און זאָלסט מאַכן אויף אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. [12] און זאָלסט אויסגיסן פאַר אים